בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

268

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מַיין וַוייבּ צִיטֶערְט אִיךְ זָאל פָארְן דָאס יָאר קַיין אוּמַאן, וָואס טוּ אִיךְ?..........................א

פַארְוָואס מַאכְט מֶען חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל אַזוֹי בִּילִיג?.................................................ב

מֶעג מַיין וַוייבּ גֵיין צוּ אַ גֶעמִישְׁטֶע קָאנְצֶערְט? ..............................................ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן פַארְ'ן מִיךְ מַאכְן עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל?................................ו

וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר? ..............י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט .................................................א

וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס אַ קְרוּם וָוארְט...............................ב

אַ טֶעלֶעפָאן סִיסְטֶעם צוּ מֶעלְדְן אַלֶע מוֹדָעוֹת פַאר דִי פְרוֹיעֶן...................................ב

זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קְהִילָה גֵייט אַרוֹיס שְׁטִימֶען ..............................................ג

פַארְוָואס נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת מֶער וִוי אַלְס בָּחוּר ..............................ד

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת.....................................ה

אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אִיז נִישְׁט קַיין טָאג .........................................ה

זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי וַוייבְּ'ס גֶעפִילְן .........................................................ו

עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה אוֹיבּ דִי לוּפְט אִיז פַארְ'סַמְ'ט מִיט נִיבּוּל פֶּה......................ז

בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת'דִיגֶע לְבוּשׁ .....................................................ח

נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שְׁמוּצִיג.......................................ט

אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן שֵׁיין ..........................................................................ט

רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן זַאכְן וָואס אַלֶע זֶענֶען אַיינְשְׁטוּמִיג ....................................... י׳
וָואס מִישְׁט אִיר זִיךְ אִין אַייעֶר מַאמֶע׳ס גֶעשֶׁעפְטְן? ....................................... יא
אִיךְ בִּין נִתְפָּעֵל וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה ....................... יב
גֵיי דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין דַיין גֶעלְט ....................... יג
רֶעדְן שְׁמוּצִיג שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שִׁידוּךְ ....................................... יד
אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי חֶסֶד פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה ....................... יד
אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּן רֶבִּי׳ן ....................... טו
אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן עֶלְטֶערְן וָואס מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן ....................... טז
דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ גֵיין פַארְהֶערְן הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת ....................... יז
גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ קֶענֶען פָארְ׳ן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ....................... יז
שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְתַרְגֵם זַיין דִי בְּרִיוו ....................... יח
נִישְׁט רֶעדְן פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ׳ן סוֹף, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה ....................... יח
וֶוען וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן ״טַאטֶע״? ....................................... יט
הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶועט דִיר גוּט זַיין ....................... כ
רוּף אַרוֹיס דִי שְׁמוּעֶסֶערְס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שוּל ....................................... כ
דֶער גַבַּאי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שוּל ....................... כא
מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן ....................................... כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיין וַוייבּ צִיטֶערְט אִיךְ זָאל פָּארְן דָאס יָאר קַיין אוּמַאן, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין וַוייבּ הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיטְ'ן פָּארְן קַיין אוּמַאן, קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶּער דָאס יָאר זֶענֶען זַאכְן אַנְדֶערְשׁ, זִי זָאגְט אַז זִי הָאט מוֹרָא דָאס יָאר אַז אִיךְ זָאל פָּארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּלִיבּ דִי מַצָּב מִלְחָמָה אִין אוּקְרֵיינָא, זִי זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ סַכָּנָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ קֶען אִיר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ סֵיי וִוי צוּ פָּארְן וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בֶּעסְטֶע לוֹיעֶר, דֶער בֶּעסְטֶער אַדְוָואקַאט - בַּיים יוֹם הַדִּין; דָאס אִיז אַ גוּטֶע תֵּירוּץ פַאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, זִי זֶעט נִישְׁט אַז אִירֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוָואגֶערְס זָאלְן הָאבְּן מֶער שְׁוֶועריקֵייטְן וִוי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

וִוי אוֹיךְ פָּארְן דָאס יָאר מֵיינְט צוּ זַיין אַוֶועק פוּן דֶערְהֵיים פַאר צֶען טֶעג, אוּן מַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ קוֹים אַיין עֵצָה גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים בִּיז אִיךְ עֶנְדִיג אַרְבֶּעטְן אוּן אִיךְ קוּם אַהֵיים אִיר הֶעלְפְן.

וִוי נֶענְטֶער מֶען קוּמְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוער אִיךְ נָאר מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן, וֶוען אִיךְ טְרַאכְט אַז מַיין וַוייבּ גֵייט מִיר נִישְׁט לָאזְן פָּארְן.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל זַיין אִין אוּמַאן דָאס יָאר, אָבֶּער וִוי אַזוֹי הוֹיבּ אִיךְ אָן מִיט מַיין וַוייבּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר, בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. מִיר אַלֶע דַארְפְן גְרוֹיסֶע נִסִּים צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן, יֶעצְט זָאגְט דִי נֵייעֶס אַז מְדִינַת יִשְׂרָאֵל רֶעדְט מִיט אוּקְרֵיינָא נִישְׁט אַרַיינְצוּלָאזְן דִי יָאר, אַזוֹי וִוי פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין, מִיר אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

אוֹיבּ זֵיי פַארְמַאכְן דִי גְרֶענִיץ וֶועל אִיךְ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מִיר גְלֵייבְּן אוּן בֶּעטְן אַז מִיר וֶועלְן זַיין דִי יָאר אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**פַארְוָואס מַאכְט מֶען חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל אַזוֹי בִּילִיג?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

מַיינֶע קְרוֹבִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַ חָסִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵיידְט, אָבֶּער מַיין טַאטֶע זָאגְט מִיר: "וָואס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם? זָאג יָא! אִיךְ בִּין זַיין חָסִיד", אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם אַז זֵיי גֵייעֶן מִיר יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע

אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דָאס אוּן מִיט יֶענְץ, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט, "יָא, מִיר הָאבְּן אַ קָרוֹב וָואס אִיז אוֹיךְ אִין יֶענֶע קְהִילָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ חֲתוּנָה אִין שׁוּל, אוּן מֶען גֶעבְּט דָארְט נָאר אֵיין שְׁטִיקְל קוּגֶל", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁוִויגְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם; וָואס קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**וָואס אִיז דִי חוֹזֶק אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אִין שׁוּל? וָואס אִיז דִי חוֹזֶק אַז מֶען גֶעבְּט נָאר אֵיין שְׁטִיקְל קוּגֶל? חוֹזֶק אִיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט וָואס מֶען הָאט נִישְׁט - פַּאר גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה, חוֹזֶק אִיז בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן.**

**וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען מֶען שְׁפֶּעט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן. וָואס פְלֶעג אִיךְ טוּן בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתִי וֶוען מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁינְדְן דִי הוֹיט מִיט לֵיצָנוּת אוֹיף מוֹהֲרַ"ש? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוִויגְן, זִיךְ נִישְׁט גֶע'טַעֲנָה'ט. אוּן נָאכְן הֶערְן אַלֶע טַעֲנוֹת בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, פוּן אֵיין זַייט הֶער אִיךְ אַזוֹיפִיל חוֹזֶק, אַזוֹיפִיל לֵיצָנוּת, אַזוֹיפִיל לָשׁוֹן הָרָע מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רַע - אוֹיף מוֹהֲרַ"שׁ, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען מוֹהֲרַ"ש - רֶעד אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ לֶעבּ מִיט דִיר; אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אַלֶעס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וְוִי אַמָאל, אַלֶעס הָאט זִיךְ בַּיי מִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן"; אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדֶע מָאל, אוּן עַד הַיּוֹם, וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן צַדִּיק - מַאךְ אִיךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן אִיךְ שְׁמוּעֶס דָאס אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הֶערְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַיינְגֶעפִּירְט מִיט חֲתוּנָה מַאכְן אִין שׁוּל, פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי דִי מְסוֹרָה, וִוי מֶען הָאט אַלֶע צַייטְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אִין שׁוּל, וָואלְט עֶר פַאר דֶעם אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט אָפְּגֶעבְן כָּבוֹד פַאר מוֹהֲרָא״שׁ, אֲפִילוּ עֶר גֶעהֶערְט אִין אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת - פַארְ׳ן רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן חוֹבוֹת, פַארְ׳ן גְרֵייט זַיין צוּ זַיין דֶער חוֹזֶק בַּיי דִי וֶועלְט, אַבִּי אָפְּצוּרַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן גֵיין צוּגְרִינְד בְּעֵת שִׂמְחָתָם.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִין וִויכּוּחִים; דִי אַלֶע וָואס טַעְנָה׳עֶן זִיךְ - בַּיים סוֹף פַאלְן זֵיי אִין לֵיצָנוּת אוּן זֵיי וֶוערְן אוֹיךְ חוֹלְקִים.

פַארְבְּרֶענְג עֶנְדֶערְשׁ דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט לֶערְנֶען נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאךְ אַ דִיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מֶעג מַיין וַוייבּ גֵיין צוּ אַ גֶעמִישְׁטֶע קָאנְצֶערְט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אוֹיבּ מַיין וַוייבּ מֶעג גֵיין מִיט אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן צוּ אַ קַאנְצֶערְט פוּן אַ גֶעווִיסֶער זִינְגֶער, וָואס מֶען זִיצְט דָארְט גֶעמִישְׁט מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, מֶען קֶען אָבֶּער אוֹיךְ זִיצְן בַּאזוּנְדֶער מִיט דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיבּ יָא, מֶעג אִיךְ אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט אִיר? וַוייל זִי וֶועט מֶער הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זַיין מִיט אִיר.

אִיךְ פַאר מִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, אוּן אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט זִי זָאל גֵיין, וַוייל אִיךְ וֵייס אַז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן קָאנְצֶערְטְן, אָבֶּער זִי וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְרַאגֶע אִיז אוֹיבּ דַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן אָדֶער דוּ ווִילְסְט ווִיסְן, וַוייל אוֹיבּ זִי הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן, זִי ווִיל הֶערְן און זִי אִיז גְרֵייט אָנְצוּנֶעמֶען - אִיז דֶער עֶנְטְפֶער קְלָאר "נֵיין", מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ קַאנְצֶערְט וָואס אִיז גֶעמִישְׁט מֶענֶער און פְרוֹיעֶן.

אוֹיבּ דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט הֶערְן, זִי גֵייט סֵיי וִוי גֵיין - דֶעמָאלְט דַארְפְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט חָכְמַת מוֹהֲרָא"שׁ אִיר נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן. און אַז זִי וֶועט סֵיי וִוי גֵיין - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען און וֵויי טוּן; דַארְפְסְט אִיר נִישְׁט אוֹיסְלוֹיבְּן אַז זִי גֵייט, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען. און אַז זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיט קוּמֶען מִיט אִיר, זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט זִי זָאל גֵיין מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה און דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי וַוייבּ און קִינְדֶער - מֶען זָאל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, מֶען זָאל זִיךְ צִיעֶן צוּ גוּטְס, בֶּענְקֶען צוּ גוּטֶע זַאכְן; אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אִיז דָא וָואס פַארְלִירְן דִי גֶעפִיל צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִינֶעם לַאנְגְן גָלוּת; אַזוֹיפִיל פַאלְן אַוֶועק, מֶען גֵייט נָאךְ אוּמוֹת הָעוֹלָם.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, פְלֶעגְט עֶר דַאוֶוענֶען אַז דֶער קִינְד זָאל שְׁטַארְבְּן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי זַיין זוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט אִידִישׁ, און אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען,

דֶער קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן פָּארְגֶעהַאלְטְן: "אַז דוּ הָאסְט יָא אַזַא כֹּחַ, דוּ קֶענְסְט פּוֹעֵלְ'ן מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן פַּארְ'ן מִיךְ מַאכְן עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער שְׁמִירְן דִי נֶעגְל אוּן שֶׁערְן דִי הָאר, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶערְפוּן, וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז מִיר אִיז עֶס יֶעצְט שׁוֹין אַ פְּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט ווִי נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ יֶעדֶע וָואךְ גֶעמַאכְט דִי נֶעגְל, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ 'מוּז' יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואךְ, דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען פַּאר דִי שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ "בָּאם", פְּלֶעגְט מַיין מִשְׁפָּחָה חוֹזֵק מַאכְן פוּן מִיר אַז אֶפְשָׁר אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זִיךְ נָאךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס וֶועט זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.

יֶעצְט זֶע אִיךְ דִי כֹּחַ פוּן אַ צַדִּיק, וָואס אַ צַדִּיק קֶען מַאכְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז הַיינְט טוּ אִיךְ עֶס שׁוֹין, אוּן נִישְׁט סְתַם, נָאר מִיט שִׂמְחָה אוּן צוּפְרִידְנְהֵייט.

אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן, וָואס קֶען אִיךְ צוּרִיק גֶעבְּן פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַּארְ'ן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַּאר אוּנְז? אִיךְ וֵוייס אַז עֶס נִישְׁטָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט עֶפֶּעס וָואס זָאל אֲפִילוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ בַּאצָאלְן, אָבֶּער אֶפְשָׁר דָאךְ עֶפֶּעס אַ טְרָאפֶּעלֶע - אַרוֹיסְצוּוַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן פוּן וֶוען אִיר הָאט זִיךְ דֶערְווּיסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; זַייט אִיר הֶערְט דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן - הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק - קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, עֶס שְׁלֶעפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ צוּ טוּן וָואס מֶען וִויל, מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּישְׁנִיצְט אַה מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; אַזוֹי אִיז הַיינְט מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים בִּכְלָלִיּוּת אוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרָטִיּוּת; מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי נֵייעֶ סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי שִׁיעוּרִים - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען בַּאקוּמְט אַ גֶעפִיל אִין אִידִישְׁקֵייט, אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר - וָואלְט אִיר דָאךְ זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן אוּן גֶעגְרָאבְּן צוּ זוּכְן וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, נָאר אִיר וָואלְט אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי

לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?! וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: "אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל", הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען פוּן דֶעם אוֹצָר? וְהֵשִׁיב: "עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ, 'מִיט'ן פִּיסְק אוּן מִיט'ן הַארְץ', בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט זָאגְן אִין יַבְנְאֵל פַאר דִי פְרוֹיעֶן, וֶוער עֶס ווִיל אִים צוּרִיק טוּן גוּטְס - זָאל זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת. וֶוען פְרוֹיעֶן פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"שׁ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיק לֶעבְּן, וֶוען מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעהֶערְט אַ מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אֵיידְל הָאט עֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט; מִיט דֶעם וֶועט אִיר צוּרִיק צָאלְן גוּטְס, אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**פַאר דִי בִּיסְל הָאר, לוֹינְט זִיךְ צוּ לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן וַוייטֶער מִיט אַייעֶר הֵיילִיגְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹיפִיל מָאל ווִי עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד, פַאר דִי בִּיסְל הָאר הַאלְט מֶען צוּרִיק דִי גְאוּלָה; אַ שָׁאד, פַאר דִי בִּיסְל הָאר אִיז דָא אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אַ שָׁאד פַאר דִי בִּיסְל לַייזִיגֶע הָאר זָאל מֶען פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר אִידִישְׁקֵייט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען נָאר

בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָּבָר אָסוּר כְּאַחַד הָרֵקִים; אִיךְ טוּ וַוייטֶער, אִיךְ וִויל אַרייַנְבְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ זַאךְ, עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס מַאכְן זִיךְ דִי נֶעגְל. וויסְן זָאלְט אִיר, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ ווייס מַעֲשִׂיוֹת פוּן יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט און זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט זֵיי, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין בְּלָאטֶעס אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "הָאֱמֻנִים עֲלֵי תוֹלָע", טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "חִבְּקוּ", הָאבְּן לִיבּ בַּאקוּמֶען, "אַשְׁפַּתּוֹת", מִיסְט (אֵיכָה ד, ה). מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ זֵיי מִיט אַזַא רַחְמָנוּת, בִּיז דִי צְוֵויי זַאכְן, דִי הָאר מִיט דִי נֶעגְל; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוויינְט און זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "גֶעבְּט מִיר דִי צְוֵויי זַאכְן, שֶׁערְט אַייךְ אָפּ דִי הָאר און שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל; אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט".

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז אַרִיבֶּער שׁוֹין צֶען יָאר, דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט - דִי הָאבְּן הֶערְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת. דָא אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינֶען טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן הָאר און שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אָבֶער זֵיי הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם צַדִּיק, זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען לִיכְטִיג, און לֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעצֵיילְטֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, און עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דֶעם עִנְיָן בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט עֶנְדִיגְן ווייל עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דִי הַארְץ פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הֶער יֶעצְט אַז מֶען ווִיל זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל און מֶען ווִיל בְּלַייבְּן מִיט דִי הָאר.

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל מִיט בְּלוּט און שְׁוֵוייס, מַיין לֶעבְּן גֶעבּ אִיךְ אַוֶועק פַאר דִי שְׁטֶעטְל; מַיין ווייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט צוּ בּוֹיעֶן אַ לִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, יֶעצְט וֶוען אִיךְ הֶער אַז דָא אִין דִי קְהִילָּה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלִיפּוֹת פוּן נֶעגְל און הָאר - וֶוערְט מִיר פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט.

אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי וָואס מַאכְן זִיךְ דִי נֶעגְל אוּן דִי הָאר, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אֶפְשָׁר מֵיינְט אִיר אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט צוּפְרִידְן; נֵיין אוּן נָאכְאַמָאל נֵיין! עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט גָארְנִישְׁט אוֹיס, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר מֶער אוּן מֶער עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁרַייבְּט מִיר צוּרִיק.]

[...

### וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִיךְ וֶוער שׁוֹין בַּאלְד אֵיין אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן עֶס שְׁטֵייט גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, פַּארְוָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה" לֹא עָלֵינוּ, ה' יִשְׁמְרֵינוּ? אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ? מַיין אַרְבֶּעט אִיז אוּמְזִיסְט? אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גָאר אַסַאךְ, אִיךְ פְּרוּבִיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס פֵיין אָבֶּער אִינֶעווֵייניג בְּלוּטִיגְט עֶס.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין!

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט:), אַז

דֶער וָואס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט בַּאשְׁטְרָאפְט: "תִּפַּח עַצְמוֹתָיו", עֶס זָאל אִים צֶעגֵיין זַיינֶע בֵּיינֶער; דָאס מֵיינְט מֶען דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דִי אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס זָאגְן אַז זֵיי ווִילְן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶנְדֶערְשׁ קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן אוּן אָנֶועקְלֵייגְן גֶעלְט, אָדֶער אֲפִילוּ דִי וָואס זָאגְן מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן בִּיז נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג כְּדַאי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען - אוֹיף דִי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער וֶוען אַ בָּחוּר אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנְג אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, עֶר אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט וֶועם אִימֶער, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין שִׁידוּךְ - אוֹיף דִי בָּחוּרִים אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אַז דוּ ווִילְסְט אַ שִׁידוּךְ - אִיז דָא אֵיין עֵצָה פַאר דִיר, גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי צְוָואנְצִיג יָאר אוּן בַּאקוּמֶען אַ קְלָלָה פוּן תִּפַּח עַצְמוֹתָיו, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ, זֵיי זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ בַּאקוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן? אִיךְ ווִיל דָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן!

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין וֵוייטָאג; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מַיין שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטוּפְּן, אָבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס קֶען אִיךְ טוּן נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה? אִיךְ קֶען נִישְׁט עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן; אַז אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר מִיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן ווִילַאנְג אִיךְ בִּין נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אָנָּא ה׳ אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַאךְ אַ נֵס אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים, אוּן שִׁיק מִיר מַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן דַארְפְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג - אַז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זַיין בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה? פַארְוָואס?! נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ, קוּמְט מִיר דָאס אוֹיךְ? נִישְׁט הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ?! אִיךְ וִויל אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ וִויל אַ רֵיינֶעם מֹחַ״.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען כְּלֵי זֶמֶר; אֵיינֶער מִיט אַ פִידְל, אַ צְוֵוייטֶער מִיט אַ פַּייפֶער, אַ דְרִיטֶער מִיט אַ פּוֹיק אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זֵיי גֶעפִירְט.

אִינְמִיטְן זִינְגֶען הָאט דֶער פּוֹיקֶער אַיינְגֶעדְרִימְלְט, הָאט אִים דֶער אָנְפִירֶער גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אוּן דֶער פּוֹיקֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייטֶער צוּ פּוֹיקְן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט"; דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ - דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ.

נֶעכְטְן בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה הָאבְּן מִיר אַסַאךְ אַרוּם גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה. יֶעדֶער אֵיינֶער כַאפְּט פֶּעטְשׁ אִין לֶעבְּן, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז עֶס אִין אַן אַנְדֶערֶע צַייט; דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט", מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר פַאר דִי גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

...

**װֶער נִישְׁט צֶעפַּאלְן װֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס אַ קְרוּם וָוארְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

...

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, װֶער עֶס אִיז טְרוֹיעֶרִיג - בְּרֶענְגְט נִישְׁט גוּטְס אוֹיף זִיךְ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ, מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ, הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, טַאנְץ אוּן זִינְג; אַזוֹי װֶועסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דוּ װֶועסְט פָּטוּר װֶוערְן פוּן דִי קְרֶענְק.

װֶער נִישְׁט צֶעפַּאלְן װֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס אַ קְרוּם וָוארְט, װֶער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ, װֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיר הָאט דָאס גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר, יֶענֶער װֶועט דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, יֶענֶער װֶועט זִיךְ דַארְפְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן; עֶס אִיז יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעם, גָארְנִישְׁט מִיט דִיר.

...

**אַ טֶעלֶעפָאן סִיסְטֶעם צוּ מֶעלְדְן אַלֶע מוֹדָעוֹת פַאר דִי פְרוֹיעֶן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בָּרוּךְ אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּן; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר טוּט לְמַעֲשֶׂה, אִיר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ טֶעלֶעפָאן סִיסְטֶעם צוּ מֶעלְדְן אַלֶע מוֹדָעוֹת פַאר דִי וַוייבֶּער.

וַוייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶער אוּן מֶער פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, זֵיי ווילְן הָאבְּן דָאס בִּיסְל צַייט פַאר דִי קִינְדֶער; אַנְשְׁטָאט אַװֶועקְגֶעבְּן טֵייעֶרֶע מִינוּטְן צוּ קוּקְן נָאךְ אֵיין טֶעקְסְט אוּן שְׁרַייבְּן אוֹיף נָאךְ אֵיין גְרוּפּ - ווילְן זֵיי גֶעבְּן דִי מִינוּטְן פַאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער, מַיין וַוייב תִּחְיֶ׳ הָאט שׁוֹין צְוֵויי יָאר צוּרִיק פַארְמַאכְט אִיר טֶעקְסְט, יֶעצְט הָאט אִיר גֶעמַאכְט דֶעם סִיסְטֶעם אַז דִי אַלֶע זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן װֶוען עֶס אִיז דָא אַ

שִׁיעוּר, וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ מֶעלְדְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶרע גוּטֶע מַעֲשִׂים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן מִיט בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם בַּיי עֶנְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן מֶער הַנָאָה צוּ זַיין בַּיי אַ קְלֶענֶערֶע פְרוֹיעֶן פַארְבְרֶענְג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קְהִילָה גֵייט אַרוֹיס שְׁטִימֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה, יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען וֶועלְט וְכוּ' אוּן אַז דִי קְהִילָה וֶועט גֵיין שְׁטִימֶען קֶענֶען מִיר הָאבְּן טוֹבוֹת פוּן זֵיי, אוּן אַז דָאס זָאל צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען דַארְף זַיין אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם. רוּפְט יֶעדְן אֵיינֶעם, זִיצְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי שְׁטֶעלְן זַיי זִיךְ צוּ אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען וַוייטֶער בּוֹיעֶן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטֶעטְל.

בִּיטֶע זָאגְט מִיר נִישְׁט אָפּ, בִּיטֶע מַאכְט אַ גְרוּפֶּע פְרוֹיעֶן וָואס זָאלְן אַייךְ הֶעלְפְן; סַיי מִיט רוּפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי מִיט אַלֶעס וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיטְ'ן צִיל צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה, אוּן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

לָאזְט מִיר וִויסְן יָא אָדֶער נֵיין, וַוייל הַיינְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁטִימֶען.

...

**פַארְוָואס נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת מֶער ווִי אַלְס בָּחוּר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת מֶער ווִי אַלְס בָּחוּר; דָאס אִיז וַוייל יֶעצְט הָאסְטוּ אַ גְרוֹיסֶע טֶעלֶעפָאן מְחוּבָּר צוּ אַלֶע טֻמְאוֹת וְזוּהֲמוֹת אוּן אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ כָּשֶׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): ״כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה״, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, ״עֲוֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין״, פַאלְן אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת, אוּן אַלְס בָּחוּר וֶוען מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ - אִיז מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, דָאס אִיז אָן אַ טֶעלֶעפָאן, אָבֶער מִיט אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז אָפְן צוּ עֲבֵירוֹת - פַאלְט מֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, סֵיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן סֵיי אָן אַ וַוייבּ.

וַוארְף אַוֶועק דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט - וֶועסְטוּ זֶען ווִי גוּט אוּן זִיס דִי לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין, דִי טֶעלֶעפָאן אוּן טֶעבְּלֶעט לָאזְט דִיר נִישְׁט לֶעבְּן, עֶס נֶעמְט דִיר אַוֶועק דַיין מֹחַ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶעבְּן. אַז דוּ וֶועסְט צוּרִיק נֶעמֶען דִי טֶעלֶעפָאן פוּן אַלְס בָּחוּר - וֶועסְטוּ זֶען ווִי גוּט דָאס לֶעבְּן וֶועט דִיר זַיין, בִּפְרַט וֶוען דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס ווִיל דִיר אוּן לוֹיפְט דִיר נָאךְ; זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זִי ווִיל נָאר דִיר אוּן נָאר דִיר אוּן נָאכְאַמָאל דִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז ווִיפִיל אִיךְ בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל מַאכְן אַ קִיאָסְק - גֵייעֶן מַיינֶע וֶוערְטֶער צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן, אָבֶער דָאס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ פַאר דִיר צוּ הָאבְן אַ טֶעלֶעפָאן.

פָאלְג, וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן.

...

**הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי הָאט קוֹים כֹּחַ צוּ אָטֶעמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער. דוּ בִּיסְט אַזַא טֵייעֶרֶער אִיד, דוּ טוּסְט טָאג אוּן נַאכְט חֶסֶד, אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ שְׁטוֹין פוּן דַיין חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, רַק חֶסֶד כָּל הַיּוֹם, אִיז דָאךְ מַמָּשׁ פַּאסִיג פַאר דִיר אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אַבִּיסְל אִין טָאג צוּ הֶעלְפְּן דַיין וַוייבּ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דָארְט וואוּ אִיךְ בִּין שַׁדְכָן - מוּז אִיךְ זֶען עֶס זָאל זַיין גוּט, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט לַיידְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּא'עֲוָלְה'עֶט וְכוּ'.

מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט חָכְמַת הַחַיִּים, אֵיינֶע פוּן דִי חָכְמוֹת פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אִיז: "נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים"; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיבּ הָאט מֶען אַ חַבֵר - אִיז דָאס דִי וַוייבּ; נָאר זִי וֶועט דִיר בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי. אִיךְ בֶּעט דִיר, רַחֵם עָלֶיהָ, גֵיי אַהֵיים צוּ דִי קִינְדֶער, נֶעם זֵיי אַרוֹיס זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, דָאס זָאל זַיין דַיין חֶסֶד אוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אִיז נִישְׁט קַיין טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין קַיין אֵיין טָאג אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ. אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אוּן אָן דַאוֶוענֶען - אִיז קַיין טָאג, וַוייל נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה - דָאס בְּלַייבְּט.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט נָאךְ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (תַּעֲנִית לא.) "דְּמוֹסִיף", וֶוער עֶס פַאַרְמֶערְט צוּ לֶערְנֶען, "יוֹסִיף", לֵייגְט מֶען אִים צוּ טֶעג צוּ זַיין לֶעבְּן; תּוֹרָה גֶעבְּט לֶעבְּן, תּוֹרָה גֶעבְּט אַלֶעס.

קוּק נִישְׁט אוֹיף לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד", "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'" - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט, דָאס וָוארְהֵייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד.

טוּ צוּ דֶער זַאךְ, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ'ס; זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דוּ וֶועסְט אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

...

## זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי וַוייבְּ'ס גֶעפִילְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַן אֵשֶׁת חַיִל, זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע פְרוֹי - דַארְפְסְטוּ אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אִירֶע גֶעפִילְן. אוּן אַז דוּ וֵוייסְט אַז זִי וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דוּ פָארְסְט שְׁנֶעל, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר דָאס נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֶעכֶענֶען מִיט אִירֶע גֶעפִילְן? זִי זָאגְט אַז יֶעדֶעס מָאל זִי ווִיל פָארְן מִיט דִיר פַארְבְּרֶענְגֶען, זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, עֶרְלֶעדִיגְן - עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט, וַוייל זִי וֶוערְט אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פָארְן שְׁנֶעל אוּן פַארְוֵוייטָאגְט פוּן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וויל זי אַזוֹי שְׁטַארְק לֶעבְּן מִיט דִיר וְכוּ׳; דַארְפְסְטוּ אִיר דָאס גֶעבְּן, נִישְׁט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן גֵיין שְׁלָאפְן.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת - עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נִישְׁט ווי אַנְדֶערֶע וָואס קוּקְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת ווִי אַ נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאךְ.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע צוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג לוֹיף נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב; אֶפְשָׁר קֶען זִי נֶעלְם וֶוערְן עֶרֶב שַׁבָּת פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן...? טוּ דָאס נִישְׁט, גֶענוּג וָואס מֶען גֵייט עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה, דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ מַאכְן שְׁנֶעל, אִיר נִישְׁט לָאזְן אַלֵיינְס מִיט דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

### עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה אוֹיבּ דִי לוּפְט אִיז פַאר'סַמְ'ט מִיט נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט עֶרְלִיךְ, אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל, חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִיבּוּל פֶּה; קוּק עֶס נִישְׁט אָן ווִי אַ דְזְשְׁאוֹק, קוּק עֶס נִישְׁט אָן ווִי אַ קְלֵיינִיקַייט, וַוייל נִיבּוּל פֶּה הַרְגְ'עֶט מֶענְטְשְׁן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.): "בַּעֲוֹן נִבְלוּת פֶּה", צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן שְׁמוּצִיג, "צָרוֹת רַבּוֹת וּגְזֵרוֹת קָשׁוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת, "וּבַחוּרֵי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר דִיר אַזוֹי אַוֶועק גֶעגֶעבְּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, יֶעצְט ווִיל אִיךְ עֶס זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דַיין לֶעבְּן זָאל צוּזַאמְפַאלְן.

הֶער אוֹיס וָואס אִיךְ זָאג דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וֶועט דַיין לֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט גוּט עֶנְדִיגְן; נָאר אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ קֶען מֶען הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע לוּפְט אִיז פַאר'סַמְ'ט מִיט נִיבּוּל פֶּה.

...

### בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת'דִיגֶע לְבוּשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת'דִיגֶע לְבוּשׁ, אַייעֶר שֵׁייטְל אִיז זֵייעֶר אֵיידְל, אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוָואלְט. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט וֵוינֶען צוּ דִי וַוייבֶּער אִין יַבְנְאֵל מֶען זָאל גֵיין מִיט צְנִיעוּת'דִיגֶע שֵׁייטְלֶען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיף זַיין אַקְסְל צוּ וַוייזְן בִּיז וִוי לַאנְג דִי שֵׁייטְל זָאל זַיין. אַייעֶר שֵׁייטְל אִיז זֵייעֶר אֵיידְל, בְּלַייבְּט אַזוֹי, טוֹישְׁט זִיךְ נִישְׁט אוּן קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, גֵייט אַזוֹי וִוי אַייעֶר מַאמֶע, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, זֵייעֶר אֵיידְל.

הַלְוַאי וָואלְט אִיר גֶעמַאכְט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת מִיט נָאךְ חַבֶרְ'טֶעס; זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, שְׁמוּעֶסְן פוּן הִתְחַזְּקוּת. מֶען קֶען מְכַבֵּד זַיין יֶעדֶע וָואךְ אַ צְוֵייטֶע וַוייבְּל צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵיילְן וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי טִיר פַאר אַ צְוֵייטְן צוּ גֶעבְּן חִיזוּק.

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אַייעֶר שֵׁייטְל אִיז צְנִיעוּת'דִיג; בְּלַייבְּט מִיט דֶעם, וַוייל אִיר מַאכְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת.

...

### נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שְׁמוּצִיג

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס רֶעדְן שְׁמוּצִיג, נִיבּוּל פֶּה - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה; אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ מְנִיוָול, אָדֶער מֶען הָאט אִין קַאר אַ מְנִיוָול - אִיז דָאס אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה.

אִיךְ וֵויס זֵייעֶר גוּט וָואס אִיךְ זָאג, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט שׁוֹין פֶערְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעהַאלְטְן אַסַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַסַאךְ; דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁמוּצִיג - הָאבְּן הַיינְט אַ חַיִּים טוֹבִים, פוּן זֵיי אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר שְׁטֶעטְל, אוּן דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן - דִי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְוָוארְפְן אוּן פַארְוָואגְלְט.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם בָּחוּר וָואס סְטְרַאשֶׁעט דִיר וְכוּ׳, דוּ בְּלַייבּ פֶּעלְזְן פֶּעסְט.

...

### אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן שֵׁיין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר פְּרוּבִּירְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז זַיין וַוייבּ זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זַיין גַאנְצֶע חַיּוּת אִיז דֶער רֶבִּי אוּן מוֹהֲרָא״שׁ, עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַז זַיין וַוייבּ גֵייט נִישְׁט מִיט זַיין וֶועג.

בְּקִיצוּר הַמַּעֲשֶׂה, עֶר הָאט גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיי אִיר זִי זָאל קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל פַאר אַ שַׁבָּת. נָאךְ שַׁבָּת פְרֶעג אִיךְ אִים, וָואס זָאגְט זִי יֶעצְט? זָאגְט עֶר מִיר

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז אַ שְׁכֵנָה הָאט אַרייַנְגֶעקְלַאפְּט שַׁבָּת בַּייַנַאכְט אוּן אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, אַזוֹי שֵׁיין גֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז זַיין וַוייבּ זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל זַיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין, אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער אִיז פְּרֵיילִיךְ"; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וֶוער דִי שְׁכֵנָה אִיז גֶעוֶוען, אוּן דָאס זֶענְט אִיר גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין מֶענְטְשְׁן. הֲגַם עֶס זֶענֶען פַארְהַאן פְּרוּיעֶן מִיט פַארְקֶערְטֶע מֹחוֹת, זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵיי, זֵיי זֶענֶען חוֹשֵׁד דִי וָואס רֶעדְן שֵׁיין - אוֹיף דָאס עֶרְגְסְטֶע, אַז דִי פְּרוּיעֶן זֶענֶען שֶׁעדְלִיךְ, זֵיי ווילְן פַארְכַאפְּן אִין בְּרֶסְלֶב... מִיר דַארְפְן נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין אוֹיף דִי מִיעוּט, מִיר דַארְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת א, טו): "הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת", נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

...

## רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן זַאכְן וָואס אַלֶע זֶענֶען אֵיינְשְׁטִימִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תְּחִיֶ' אִילָן הַחַיִּים, לִיבֶּערְטִי

אִיר פַארְשְׁטֵייט זִיכֶער וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי קַאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן מִיט דִי שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרַא"ש.

הֱיוֹת עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים וָואס בַּיי זֵיי אִיז בִּיז דֶערְוַוייל פְּרֶעמְד דִי זַאכְן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִין אוּנְז אַרייַנְגֶעבַּאקְן, ווִי צוּם בַּיישְׁפִּיל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג, חֲתוּנָה הָאבְּן בִּילִיג, אוֹיךְ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אוּן בִּפְרַט אִין בֵּית פֵיגָא; מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', קֶען אוֹיסְקוּמֶען וֶוען מֶען זִיצְט פְּרוּיעֶן אִינְאֵיינֶעם מֶען זָאל בַּארֶעדְן מוֹהֲרַא"שׁ אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן, אִיר זָאלְט דֶער עִיקָר רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן פון זַאכְן וָואס אַלֶע זֶענֶען אַיינְשְׁטוּמִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל – רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס שֵׁיינְקֵייט פון יֶעדֶע אִיד, זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן; אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע פְּרִישֶׁע מְקוֹרָבִים מְקוֹרָב וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ און אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, רֶעדְט נִישְׁט פון זַאכְן וָואס אִיז דָא בַּיי דֶעם חִלּוּקֵי דֵעוֹת. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס שְׁטֶערְט, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אִין דִי קָאנְטְרִי וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעקוֹיפְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זָאל מֶען חוֹזֶק מַאכְן פון זַאכְן וָואס אִיז בַּיי אוּנְז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר הָאבְן אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְרַאכְט, מֶען דַארְף הָאבְן סַבְלָנוּת און בְּעִיקָר גְרוֹיס חָכְמָה, נִישְׁט זִיךְ טַעְנָה'עֶן, נָאר אַוֶועקְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁמוּעֶס אוֹיף פַּאזֶעטִיוֶוע זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

**וָואס מִישְׁט אִיר זִיךְ אִין אַייעֶר מַאמֶע'ס גֶעשֶׁעפְטְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס הָאט דָאס מִיט אַייךְ? וָואס מִישְׁט אִיר זִיךְ אִין אַייעֶר מַאמֶע'ס גֶעשֶׁעפְטְן?

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אִיר זֶענְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מוֹהֲרַ"ש אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער; וָואס הָאט מִיט אַייךְ צוּ טוּן וָואס אַייעֶר מַאמֶע און שְׁוֶועסְטֶער טוּעֶן? אַז זֵיי וִוילְן גֵיין אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ מִיט בֵּייקְס – וָואס הָאט דָאס מִיט אַייךְ? און אַז אַייעֶר מַאמֶע וִויל זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל – וָואס הָאט דָאס מִיט אַייךְ?

אִיר זָאלְט צִיטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זָאגְן אֵיין וָוארְט פַּאר טַאטֶע מַאמֶע; טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ אַיינְשְׁטוּמִיג, אִיר בֵּיידֶע פִירְן זִיךְ מִיט אֵיין וֶועג, אִיר גֵייט נָאךְ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִיךְ בִּין נִתְפָּעֵל וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען אִין קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים", מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע שְׁפַּאצִיר מִיט דִי בָּחוּרִים.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט מֶען מִיר דֶערְצֵיילְט צְוֵויי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא נַחַת צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

אֵיינְס, אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ דֶעלִיוֶוערִי צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה, פוּן בְּרוֹיט, אוּן דִי טְרָאק הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן. דֶער דְרַייוֶוער, אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, דוּ הָאסְט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַזוֹי רֶעדְט אַ אִיד?!" דֶער דְרַייוֶוער הָאט נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעהַאט, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שְׁוַוארְצֶע אַרְבֶּעטְס הֶעמְד, זָאל אִים פָארְהַאלְטְן אוֹיף נִיבּוּל פֶּה...

דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְן אַז דֶער קֶעכֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן קָאךְ, דֶער מְנַהֵל זָאגְט אִים: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, אוּנְזֶער קֶעכֶער שְׁלָאגְט נִישְׁט, אוּנְזֶער קֶעכֶער אִיז פוּן דִי אֵיידְלְסְטֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה"; בִּיז דֶער בָּחוּר הָאט

דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁמוּצִיג, עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - הָאסְטוּ אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז דָא אִין יְשִׁיבָה אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; ווִיפִיל אִיךְ רֶעד בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דָאס הַארְבְּקֵייט, דִי סַכָּנָה דֶערְפוּן - קֶען אִיךְ דָאס נִישְׁט פּוֹעֶל'ן. דוּ זָאלְסְט זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט, נִישְׁט לָאזְן בַּיי דִיר אִין קָאךְ בָּחוּרִים אָן יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶה' זַיין.

...

גֵיי דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין דַיין גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר טַאמְס רִיוֶוער, נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ הַנָאָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, מִשְׁנַיוֹת וּגְמָרָא; אוֹיךְ בַּאקוּמְט מֶען חִיזּוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְווֹת.

זַיי שְׁטַארְק מִיט שַׁחֲרִית, מִנְחָה מַעֲרִיב - צוּ דַאוֶוענֶען דַוְקָא מִיט מִנְיָן. זוּךְ אוֹיף אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ אוּן גֵיי דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ בְּרָכָה אִין דַיין גֶעלְט. מֶען קֶען אַמָאל פַארְדִינֶען גֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דֶעם, עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם גַאנְצְן רֶיוַח, נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל - אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט.

...

### רֶעדְן שְׁמוּצִיג שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ הֶערְסְט אַ בָּחוּר רֶעדְן נִיבוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אִים פַאְרמַאכְן זַיין פִּיסְק, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

נֶעם נִישְׁט קֵיין בָּחוּרִים בַּיי דִיר אִין קַאר וָואס רֶעדְן נִיבוּל פֶּה. דוּ ווִילְסְט דָאךְ אַ חָתָן וֶוערְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן קֵיין נִיבוּל פֶּה אוּן נִישְׁט צוּהֶערְן נִיבוּל פֶּה, ווַייל דָאס רֶעדְן שְׁמוּצִיג שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שִׁידוּךְ, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַ שִׁידוּךְ וֶוערְט - וֶועט דָאס פְּלַאצְן פְּרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער.

דוּ זֶעסְט דָאךְ ווִי עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין שִׁידוּכִים, יֶעדֶע פָּאר טֶעג אִיז דָא נָאךְ אַ שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט דָאךְ שׁוֹין אוֹיךְ דַיין שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן חֲבֵרִים לֵצִים אוּן מְנֻוָּולִים.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים פַאר אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט אִים פַאר גוּטֶע חֲבֵרִים, בֶּעט אִים צוּ בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן בַּיים רֶבִּי'ן אִין זַאק.

...

### אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי חֶסֶד פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, ווִי דוּ שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ אַרוֹיס פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס צוּ קוּמֶען רַאטֶעוֶוען אַ נֶפֶשׁ בְּיִשְׂרָאֵל.

פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן הַצָּלָה בִּיז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען - אִיז גֶעוֶוען פִּינְקְט דְרֵיי מִינוּט! אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דִי חֶסֶד פוּן הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט, אוֹיפְשְׁטֵיין פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס אַרוֹיסְשְׁפְּרִינְגֶען פוּן בֶּעט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט רַאטֶעוֶוען אַ נֶפֶשׁ בְּיִשְׂרָאֵל.

בַּאזוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט ווִי דוּ קוּמְסְט צוּ לוֹיפְן מִיט אַ יִשּׁוּב

הַדַעַת, דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי דִיר; דָאס אִיז דָאךְ דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַּארְ'ן קוּמֶען הֶעלְפְן, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה, אִין שְׁפִּיטָאל. רוֹב מָאל, דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין רוֹפֵא חוֹלִים דַארְף מֶען נָאכְדֶעם עוֹסֵק זַיין אִין מַתִּיר אֲסוּרִים; יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן נִישְׁט שְׁטוּפְּן צוּ גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל.

...

## אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב**

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וּבִפְרַט אַז דוּ הֶעלְפְסְט אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַאר דִי בָּחוּרִים מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

דִי אַלֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה - דִי אַלֶע בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם - גֶעבּ אִיךְ"; עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר שׁוֹין פֶערְצְן יָאר, מִיר גֵייעֶן אַרַיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין דִי פוּפְצֶנְטֶע יָאר, דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוּן פַאר דִי מוֹסָד, גֶענוּמֶען אַן עוֹל - צִי מִיטְ'ן אָנְגְרֵייטְן דָאס עֶסְן, רֵיינִיגְן אָדֶער דְרֵייוְון, טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער - הָאבְּן אַלֶע שַׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים; ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז עֶרְלִיךְ אָדֶער נִישְׁט? דוּרְךְ דִי מוֹיל; וֶוער עֶס רֶעדְט שְׁמוּצִיג, עֶקְלְדִיג, שְׁטֶעכֶעדִיג אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע - דִי זֶענֶען נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, ווִידֶער דִי וָואס רֶעדְן אֵיידְל, רֵיין אוּן זוֹיבֶּער - דִי זֶענֶען גוּטֶע חֲבֵרִים.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, 1) הוֹיבּ אָן דִי טָאג מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן וָואךְ. 2) נָאכְדֶעם נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת און לֶערְן חַ"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. 3) מַאךְ זִיךְ אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, שַׁ"ס כְּסִדְרָן, און זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים; דָאס אִיז דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר. אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז דוּ הָאסְט צַייט - מַאךְ זִיךְ אַ פִּינְקְטְלֶעכֶע שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; הוֹיבּ אָן מִיט סֵפֶר הַמִּדוֹת, דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע סֵפֶר, אַ סֵפֶר וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

וְעַל כּוּלָם, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און זַיין גוּט.

עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן עֶלְטֶערְן וָואס מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וַוייבְּ'ס בְּרִיוו.

אִיךְ נֶעם אָן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ דִי מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער - דִי אִינְגְלֶעךְ און מֵיידְלֶעךְ - זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בַּיים פָּארְן, מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן און וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע בָּאסֶעס פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ און מֵיידְלֶעךְ, און אוֹיךְ בַּאזוּנְדֶערֶע בִּנְיָנִים.

זָאג יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים און בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ זָאל זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִים פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

### די כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ גֵיין פַארְהֶערְן הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער דַיָּן שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען ווי פְלַייסִיג מֶען לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, צוּ זֶען הַתְמָדַת הַתּוֹרָה בַּיי די אִינְגֶעלַייט.

זֶע אוּנְטֶער צוּ זָאגְן די אִינְגֶעלַייט מִיטְ'ן זִיךְ גֵיין פַארְהֶערְן הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און יֶעדֶעס מָאל מֶען וויל שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער - הוֹיבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל; מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין רוּקְן פָארְאוֹיס.

עֶס ווִילְן אַרַיינְקוּמֶען אוֹיפְ'ן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מְסַדֵר זַיין פַאר יֶעדְן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא און שְׁטֵיין עַל הַמִּשְׁמָר אַז אַלֶע זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען אַלִיבָּא דְהִלְכְתָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל מִתַּחַת יָדֵינוּ, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

### גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ קֶענֶען פָארְ'ן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וויל דִיר אַיינְלַיידֶענֶען צוּ די סִיוּם הַשַּׁ״ס פוּן מַיין זוּן הַיֶּלֶד נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר הַיינְט נַאכְט אוּם נַיין אַזֵייגֶער, וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט די וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, אִין שְׁטֶעטְל.

די וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט זַיין אָפְן.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַזַא זַאךְ, זִיצְן בַּיי דַיין זוּן'ס סִיוּם הַשַּׁ״ס און בַּיים סִיוּם הַשַּׁ״ס פוּן דַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ. די הַרְגָשָׁה אִיז נִישְׁט צוּם בַּאשְׁרַייבְּן; וָואס נָאךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן מֶער פוּן נַחַת בַּיי די קִינְדֶער, זֶען ווי זֵיי לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; וואַרְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, קוֹיף אַ טִיקֶעט אוּן גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט אַלֶעס אוּן בְּעִיקָר מִיט תְּפִלָּה מִיר זָאלְן קֶענֶען פָאהְרְ'ן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְתַּרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיטְ'ן מְתַּרְגֵּם זַיין דִי בְּרִיוו.

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו, עֶס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ צוּ אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט רֶעדְן פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דִי מִתְפַּלְלִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דוּ שְׁטֶערְסְט דָאס דַאוֶוענֶען, דוּ שְׁמוּעֶסְט אוּן לַאכְסְט אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט קַלוּת רֹאשׁ.

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ מַאכְן מִיט דִיר אַ גֶעשֶׁעפְט, דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען

בִּיזְן סוֹף - װֶעסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, און אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם דוּ װֶעסְט װַײטֶער זִיךְ אוֹיפְפִּירְן מִיט קַלּוּת רֹאשׁ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ - װֶועל אִיךְ זָאגְן דִי גַבָּאִים זָאלְן דִיר אַרוֹיסְטְרַײבְּן.

דִי אַלֶע װָאס שְׁטֶערְן דָאס דַאװֶענֶען - װָאלְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעװֶען זֵיי זָאלְן בְּלַײבְּן אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ הַײנְט אִינְדֶערְפְרִי פָאַרְגֶעהַאלְטְן דִי גַבָּאִים פַאר׳ן גָארְנִישְׁט טוּן און פַאר׳ן מִיר גָארְנִישְׁט זָאגְן. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "סְתָּם צוּ הָאבְּן דֶעם טִיטְל ׳גַבְּאַי׳ און לָאזְן שְׁמוּעֶסְן, לַאכְן וְכוּ׳ - דָאס אִיז נִישְׁט גַבָּאִים", אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט, אוֹיבּ דוּ װֶעסְט װַײטֶער שְׁמוּעֶסְן און לַאכְן בַּיים דַאװֶענֶען, זָאלְן זֵיי דִיר אָנְכַאפְּן בַּיים קַארְג און אַרוֹיסְטְרָאגְן פוּן שׁוּל.

אַז דוּ װֶעסְט אוֹיפְהֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הוֹיז - װֶעסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע נֵס, און אַז נִישְׁט - צִיטֶער אִיךְ װָאס װֶעט זַיין.

...

### װֶוען װֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן "טַאטֶע?"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און װַארְט ׳װֶוען װֶועט דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְן צוּ מִיר? װֶוען װֶועט עֶר זָאגְן "טַאטֶע"?׳ אַזוֹי װִי אַ טַאטֶע װַארְט זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים; עֶס װֶוערְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל װֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶפְנְט דִי מוֹיל און זָאגְט אַ װָארְט, "טַאטֶע הֶעלְף מִיר", "טַאטֶע אִיךְ װִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר", "טַאטֶע אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין װוֹאוּיל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בַּאמִיי זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא. מֶען קֶען נָאר לֶעבְּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶער װָאס עֶפְנְט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - דֶער לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) **מֶען דַארְף לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.**

...

### הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶועט דִיר גוּט זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דוּ וַוארְטְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ; דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט שׁוֹין לַאנְג צוּרִיק אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, דַיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אַלֵיין, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל, דוּ טְרַאכְטְסְט 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ סֵיי וִוי נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ''.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קוּם אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ. אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, לֶעצְטְנְס קוּמְסְטוּ מֶער נִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ פַארְוָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן, דוּ טְרַאכְסְט 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט זַיין'; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פוּן דִיר וֶועט יָא זַיין, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ יָא, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, דַארְפְסְט זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע סִיוּמִים; וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

...

### רוּף אַרוֹיס דִי שְׁמוּעֶסֶערְס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶונֶען, אִיךְ הֶער אַז בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דָא אַ גְרוּפֶּע שְׁמוּעֶסֶערְס, מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן קוֹל אוּן מֶען לַאכְט בַּיים דַאוֶונֶען.

דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַ נֵס אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶנֶען - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת.

אוֹיב דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן מִיט רֶעדְן, דוּ הָאסְט עֶפֶּעס גָאר אַ וִויכְטִיגֶע וִויץ צוּ זָאגְן - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְרוּפְן דִי וָואס שְׁמוּעֶסְן אוּן לַאכְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל אוּן דָארְט דֶערְצֵיילְן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶער נִישְׁט אִין שׁוּל; שְׁטֶער נִישְׁט דִי מִתְפַּלְלִים פוּן דַאוֶנֶען.

...

**דֶער גַבְּאַי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע גַבָּאִים, אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כְּבוֹד בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶנֶען, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נֶעכְטְן הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט אַז בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אִיז דָא אַ גְרוּפֶּע וָואס שְׁמוּעֶסְן אוּן לַאכְן אוֹיפְ׳ן קוֹל בַּיים דַאוֶנֶען; אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי גַבָּאִים לָאזְן דָאס צוּ, אַז מֶען אִיז גַבְּאַי דַארְף מֶען הָאבְּן דִי אַחְרַיוּת פוּן כְּבוֹד בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי מִתְפַּלְלִים.

נָאךְ אַ זַאךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אִיךְ הֶער אַז בַּיי עֶנְק אִיז אָפְן דִי מִקְוֶה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אוּן בִּשְׁעַת מִנְחָה וְשָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זִיצְט מֶען אִין מִקְוֶה, מֶען וֵוייקְט זִיךְ, מֶען שְׁמוּעֶסְט; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ דַארְפְסְט מַאכְן נֵייעֶ זַאכְן, קוֹדֶם כָּל, זִיךְ וֵוייקְן שַׁבָּת אִין מִקְוֶה אִיז אָסוּר, צְוֵויטְנְס, אֲפִילוּ אִינְדֶערְוָואכְן אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, מִקְוֶה אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ שְׁמוּעֶסְן.

פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ נִישְׁט אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין בַּיי עֶנְק בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת

אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, אַ צַייט פוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין? שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז רַעֲוָא דְרַעֲוִין, רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת, אַ צַייט וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת, מֶען בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זִיךְ מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

אָדֶער נֶעמְסְטוּ דִי גַּבָּאוּת אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אָדֶער גֶעבּ אִיךְ דָאס אִיבֶּער פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

...

## מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט צוּלֵייגְן בַּיים בֶּענְטְשְׁן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, בַּיי יְחַדְּשֵׁהוּ, דִי וֶוערְטֶער: ״וְלִתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה״, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אַלֶעס פַארֶעכְטְן פַאר עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין.

יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְט רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א זַיין בַּיי אוּנְז זוּמֶער אִין קֶעמְפּ, מִיר הָאבְּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשְׁן, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט יֶעדֶע יָאר בַּיי שַׁבָּת מְבָרְכִים אֱלוּל ווִי עֶר זָאגְט אוֹיךְ דֶעם נוּסָח ״וְלִתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה״, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, פוּן דֶעמָאלְט פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ דָאס צוּ זָאגְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַרַיין אִין שַׁבָּת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם; עֶס קוּמְט אֱלוּל, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער; מִיר מוּזְן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט אַלְטֶע נַארִישֶׁע קַטְנוּת׳דִיגֶע קְרִיגֶערֵייעֶן; לָאמִיר אוֹיפְנֶעמֶען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בְּשִׂמְחָה.

זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת. פְרַייטָאג אִיז נִישְׁט

קַיין צַייט פוּן מַאכְן בִּיזְנֶעס, אַלֶע בִּיזְנֶעס פוּן נָאךְ חֲצוֹת - אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דֶעם, עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גְרֵייט אָן דֶעם טִישׁ מִיט דִי לִיכְט; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיף אָנְגְרֵייטְן דִי לִיכְט אוּן עֶס אָפְּבְּרֶענֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּב בַּיים צִינְדְן דִי לִיכְט.

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן כַּעַס וּמְרִיבָה; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט זַיין כַּת וַוארְטְן 'וֶוען וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְרֶעגְן, שְׁרֵייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן'; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין כַּעַס וּמְרִיבוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַ מְחַיֶה קַאפִּל!

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעהֵייסְן ?

פֵּיגֶא ! פֵּיגֶא אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טָאכְטֶער.

פֵּיגֶא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעשְׁטְרִיקְט אַ קַאפְּל פַאר אִיר קִינְד נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט גְלַייךְ וֶוען אִיר קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן - אִים קֶענֶען אָנְטוּן אַ קַאפְּל, וַוייל אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט פֵּיגֶא גֶעשְׁטְרִיקְט אַ שֵׁיינֶעם קַאפְּל; זִי פְּלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד וָואס גֵייט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן וֶוען דֶער קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אִים גְלַייךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֵׁיינֶע קַאפֶּעלֶע, אוּן דָאס קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.




דִי צַדֶקֶת פֵּיגֶא שְׁטְרִיקְט אַ שֵׁיינֶע קַאפְּל

דֶערְפַאר וֶוען מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דֶעם רֶבִּי'ן - דֶערְמַאנֶען מִיר דָאס מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען, מִיר זָאגְן "בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא", בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְז בִּזְכוּת דֶעם צַדִיק רַבֵּינוּ נַחְמָן אַ זוּן פוּן פֵיגֶא; וַוייל זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים יִרְאַת שָׁמַיִם בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ, מֶען לוֹיפְט, מֶען שְׁפְּרִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט - אַסַאךְ מָאל פַאלְט אַרָאפּ דִי קַאפְּל פוּן קָאפּ; וָואס טוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל? מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ גְלַייךְ אָפּ, מֶען גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער שְׁפִּילְן - בִּיז מֶען טוּט אָן דִי קַאפְּל, אוּן אַז דִי קַאפְּל פְלִיט אַוֶועק - דֶעקְט מֶען זִיךְ צוּ דֶעם קָאפּ מִיט דִי הֶעמְד; אַ אִיד טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ בְּלוֹיזֶע קָאפּ אֲפִילוּ פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע.

לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען: "אַה מְחַיֶ' קַאפְּל! אַה מְחַיֶ' אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ גֵיי מִיט אַ קַאפְּל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֵייבִּיג גֵיין מִיט דִי קַאפְּל, נִישְׁט פַארְגֶעסְן אָנְצוּטוּן דִי קַאפְּל אוּן זִיךְ אֵייבִּיג פְרֵייעֶן מִיט דִי קַאפְּל!"

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע

## אידישע ליין מאטריאל!

ערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

כמה מעלות טובות
מַעֲשֶׂה'לֶעך

- מעשה'לעך ווערט אריינבאקן אמונה אין די קינדערלעך
- מעשה'לעך ווערט איינ-געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די קינדערלעך
- מעשה'לעך ווערט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די קינדערלעך
- מעשה'לעך ווערט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין ברסלב'ע קינדערלעך

ברסלב




די מעשה'לעך קינדער ביכל ווערט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק
אום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com